# פרשת משפטים

## חלק משיחת כ״ט שבט תשמ״ח

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

בנוגע צו קרני ממונות זאל דאס אנגערופן ווערן בשם קרן חמ״ש,

וואס דאס איז דאך דער נאמען – אנהויבנדיק על הסדר, און אנהויבנדיק מיט׳ן נאמען און אנהויבנדיק על הסדר, און אויך מסיים בשם המשפחתי, וואס דאס איז דאך אויך –

אף על פי וואס לכאורה די שם המשפחה ניט אויף אזוי פיל נוגע, ווייסט מען דאך מכמה שטרות אז לחיזוק הדבר חתמ׳ענען די עדים אויך דעם שם המשפחתי,

ובפרט אז דער שם המשפחה פארבינדט זיך גלייך ובגלוי מיט שני-אור, מיט דער מייסד המשפחה, א נשמה חדשה, כמסופר אין די סיפורים און פארשטאנדיק אויך פון די תורות פון אבי הנפטרת,

וואס דאס איז אויך – כאמור – די נתינת תודה וברכה ושמחה, אויף די וואס האבן שוין מייסד געווען ענינים של פועל, און אויך שוין אנגעהויבן א התחלה בפועל נאך אין שלשה, על כל פנים דערנאך אין שבעה, על כל פנים דערנאך במשך השלשים.

ובפרט נאך אז לויט דעם ״אני מאמין״ וואס יעדער איד – אדער ער זאגט דאס בפשטות בגלוי – אדער אפילו וואס מאיזה סיבה שתהיה איז דאס ניט דער מנהג, טראכט מען דאך וועגן דעם בכל יום ויום, ואדרבה: בהדגשה, אין דעם ברכת פון ״את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח״ און ״קוינו כל היום״, אפילו אין שבת ויום טוב אויך אין די ״ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״, כמדובר כמה פעמים.

אויך די הדגשה מיוחדת און אויך די ברכה מיוחדת וכאמור, אויך דערמאנט אויפ׳ן ציון פון נשיא דורנו וואס ״עומד ומשמש במרום״[1] און עומד כאן ומשמש – את צאן מרעיתו,

— • —

1) סוטה דף יג ע״ב, וראה מכתב כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע לקראת יום הילולאהראשון של אביו כ״ק אדמו״ר (מהרש״ב) נ״ע – אג״ק ח״א ע׳ קלח ואילך וש״נ.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת משפטים

## חלק משיחת כ״ב שבט תשנ״ב

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

א ״חלק אלו-ה ממעל ממש״[2] איז נסתלק געווארן ארבע שנים לפני זה, דערנאך איז ביום היארצייט ווערט דאס נאך אמאל איבערגע׳חזר׳ט על דרך זה,

וואס דערפאר איז דאך דעמאלט אויך דער ענין וואס ס׳ווערט א התחדשות אין אמירת קדיש, וואס קדיש איז דאך ענינו ענין של העלאה,

ואף על פי וואס בינתיים איז דאך געווען במשך השנה — און במשך שני שנים און במשך שלשה שנים — איז געווען כל משך ימי השנה ניט געווען קיין אמירת קדיש, איז דערנאך ביום ה״יארצייט״ איז ווייטער געווארן דער ענין אמירת הקדיש, און ס׳איז געווארן נאך אמאל, ווידער אמאל אן עלי׳, און אן עלי׳ שלא בערך צו אלע עליות הקודמות,

ובפרט אויך אז מ׳דארף דאך איצטער האבן דער עלי׳ שלא בערך כל העליות האמורות,

ביז וואנענט — כמבואר בכמה מקומות — אז אפילו אט די עלי׳, ווי דערמאנט פריער, בשעת מתן תורה וואס ״פרחה נשמתן״[3], איז דאך דערנאך געווען דער ״החזירן הקדוש-ברוך-הוא להם בטל תחי׳״[4], ווערט דאס אן עלי׳ נאך גרעסער פון יענער עלי׳,

ובפרט נאך אז מ׳געפינט זיך אין א דור וואס ער איז דאך דער דור האחרון לגלות און דור הראשון לגאולה, כמדובר כמה פעמים בארוכה במשך השנים הכי אחרונות,

וואס דאס איז פארבונדן אויך מיט דער עלי׳ הכי עליונה וואס איז דאך פארבונדן מיט ״קבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ״ ומתוך שמחה וטוב לבב,

דווקא אין א המשך פון א נשמה בריאה און א **גוף** בריא, ועל דרך זה אויך אין **נשמות** ״הקיצו ורננו שוכני עפר״[5], ווי ס׳שטייט אין כתבי האריז״ל, אז אזוי ווי ס׳איז געווען בשעת יציאת מצרים וואס דעמאלט

---

2) תניא ריש פ״ב.

3) שבת דף פח, ע״ב, שמו״ר פכ״ט, ד.

4) שבת שם.

5) ישעי׳ כו, יט.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת משפטים

"בזכות נשים צדקניות שבאותו הדור עלו אבותינו ממצרים"[6], און דער "נחתין וסלקין"[7] עלי' לאחר עלי', אזוי איז אויך בזכות נשים צדקניות שבדורנו זה.

ובפרט אזוינע וואס האבן זוכה געווען אז כמה וכמה מבנות ישראל נקראות על שמה, און זיי באווייזן א לעבעדיקן ביישפיל מיט לעבעדיקע נשמות און לעבעדיקע גופים אן קיין הפסק, ווי אזוי זיי ווערן נתחנך אין איר רוח און לויט אירע אנווייזונגען און לויט איר ביישפיל, וואס זי איז דאך נתחנך געווארן על ידי נשיא דורנו דעם רבי'ן דעם שווער, וכמדובר כמה פעמים,

וועט דאס זיכער מזרז זיין ומקרב זיין, ביז וואנענט ס'וועט זיין דער "מראה באצבעו ואומר זה הוי' קוינו לו"[8], "זה הוי' קוינו לו ויושיענו"[9],

און "הקדוש-ברוך-הוא עושה מחול לצדיקים"[10] און ער טאנצט – און מיט עם טאנצן יעדער איד און אלע אידן, האנשים והנשים והטף, און מ'טאנצט אין א אופן פון " זה הוי' קוינו",

און ס'ווערט כפליים לתושיה – דער צווייטער "זה", " זה הוי' קוינו לו ויושיענו", ותיכף ומיד ממש ו"לא עיכבם אפילו כהרף עין"[11], ובנערינו ובזקנינו ובבנינו ובבנותינו, איז מען עולה תיכף ומיד עם ענני שמיא, והקיצו ורננו שוכני עפר וכל הענינים – האנשים והנשים – האמורים, בתוכנו ובראשנו, ותיכף ומיד ממש.

---

6) סוטה דף יא, רע"ב.

7) ע"פ מאמר הזהר רפד ע"ב.

8) ישעי' כה, יט.

9) שם.

10) סיום מס' תענית.

11) מכילתא ופרש"י בא יב, מא. מכילתא שם מב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.